ב"ה

# LIVING TORAH

## פרשת שופטים

### בס"ד. משיחת יום ד' פ' שופטים, בדר"ח אלול ה'תשמ"ז

**– להילדים דמחנה קיץ "גן ישראל" שיחיו ולהילדות דמחנה "אמונה" תחיינה –**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

גאַנץ חודש אלול, אָנהויבנדיק פון ראש-חודש אלול, איז דאָך ווי דער אַלטער רבי זאָגט, איז דאָס דעמאָלט אַ צייט בדוגמא ווי אַ מלך בשר ודם, ווי אַ קיסר דאָ למטה, געפינט זיך ניט אין זיין שטאָט, נאָר ער געפינט זיך אין פעלד, און די אַלע מענטשן וואָס געפינען זיך אין פעלד, וואָס זי איז דאָך אַרום אָט דער שטאָט – קוקט ער אויף יעדערן פון זיי, און אויף אַלעמען צוזאַמען, מיט אַ שמייכלדיקן פנים און מיט אַ פריילעכן פנים,

פון וועלכן מ'דערקענט גלייך, אַז ער האָט זיי ליב און וואַרט און איז גרייט, אַז בשעת זי וועלן זיך צו אים ווענדן און אים באַגריסן און בעטן ביי אים בקשות, ווי מ'בעט ביי אַ מלך, אין וועלכע זאַכן מ'נויטיקט זיך – איז ער גרייט אויף צו ערפילן אָט די בקשות ווי מ'ערפילט אַ בקשה מיט אַ פריילעכן פנים און מיט אַ שמייכלדיקן פנים וואָס איז געוועגדעט צו דעם וואָס בעט אָט די בקשה און די אַלע אַרומיקע.

און נאָך דערויף, און דאָס געהערט אויך, גיט דאָס כח צו די וואָס געפינען זיך אין פעלד, אַז בשעת דער מלך קומט די צייט און ער קערט זיך אום צו זיך אין שטאָט און דאָרט אין זיין פּאַלעס – גייען זיי אים נאָך און גייען אויך אַריין אין שטאָט פון פעלד.

אַזוי ווי דאָס איז דאָך אַ משל געגעבן געוואָרן דורך אַ נשיא בישראל, וואָס איז געווען אויך אַ מורה דרך, האָט געלערנט די דורות נאָך אים ווי אַזוי מ'דאַרף זיך אויפפירן אין טאָג-טעגלעכן לעבן –

איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז וויסנדיק אַז דאָס וועט דערגיין צו יעדער אידן און צו אַלע אידן – איז דער משל, די דוגמא, אויסגעקליבן געוואָרן אין אַזאַ אופן אַז מ'קען פון איר אָפּלערנען אין די אַלע פרטים פון דעם משל, אַז אַזוי וועט דאָס אויך זיין אין נמשל,

ס'איז דאָך זעלבסט-פאַרשטענדליך פון דעם משל, אַז דאָס באַציט זיך און דאָס האָט אַ שייכות ניט נאָר צו שרי המלך, נאָר אדרבה – דער עיקר משל איז גאָר אויף די איינפאַכע מענטשן, וואָס זיי געפינען זיך אין פעלד,

דערפון אויך פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס איז ביתר שאת וביתר עוז בהנוגע צו קינדער,

ווי מ'זעט דאָס אויך אין משל, אַז בשעת מ'וועט קומען צוגיין צו קינדער, און מ'וועט זיי זאָגן, אַז דער מלך פון זייער מדינה וועט זיך געפינען אין פעלד, און דאָרט האָט יעדער די מעגלעכקייט אויף צוגיין צו אים און באַקומען פון אים אַ שמייכל און אַ געלעגנהייט אויף צושטעלן דעם מלך די בקשה און ער וועט זי ערפילן, וואָרום דער מלך וואַרט אויף דערויף –

איז דאָך פאַרשטאַנדיק, ווי מ'זעט דאָס בפשטות אין משל, אַז יעדער קינד איז ניט נאָר ער וועט דאָס טאָן – נאָר ער וועט דאָס טאָן מיט דער גרעסטער שמחה, און וועט פאַרלאָזן אַלע זיינע אַנדערע זאַכן כדי צו קענען טרעפן דעם מלך פנים אל פנים,



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת שופטים

און זיין דערביי פאַרזיכערט – וואָרום דאָס איז אָנגעזאָגט געוואָרן אין תורת אמת, אַז אַזוי וועט דאָס זיין – אַז דער מלך וועט אים אויפנעמען מיט שמחה און מיט אַ שיינענדיקן פנים, און ער וואַרט אַז דער קינד זאָל ביי אים בעטן וואָס אים פעלט און וואָס ער פאַרלאַנגט, און ער וועט דאָס מקיים זיין.

און ווי מ׳זעט דאָס אין משל, מ׳דאַרף אויף דערויף ניט האָבן קיין אריכות, ווי איר פילט אַליין באַזיך, אַז ווען מ׳קומט צו אייך צוגיין און מ׳זאָגט יעדערן פון אייך, אַז פאַרלאָז אַלע דיינע זאַכן וואָרום דו האָסט אַ ספּעציעלע געלעגנהייט, מערניט ווי אָט דעם חודש אין יאָר, אויף טרעפן זיך פנים אל פנים מיטן מלך, און זעען אים און רעדן מיט אים און באַקומען פון אים אַלץ וואָס דו פאַרלאַנגסט –

איז פאַרשטייט מען דאָך ווי יעדערער פילט פון אייך און ווי דאָס קומט אַראָפּ דערנאָך אין פועל אין זיין אויפפירונג,

קומט צוגיין תורת אמת און זאָגט יעדערן פון אייך, און זאָגט יעדערן פון אונז, און זאָגט דאָס צו כלל ישראל, אַז איר זאָלט וויסן זיין, אַז אַזוי איז דאָס **בפועל ממש**!

אע״פ וואָס מ׳זעט דאָס ניט מיט פליישיגע אויגן, רירט דאָס ניט אָן אינגאַנצן ניט די מציאות פון דער זאַך און די שטאַרקייט פון דער זאַך, אַז – פאַרקערט – דאָס איז נאָך שטאַרקער און פועל׳ט נאָכמערער אויף ווי אַ זאַך וואָס מ׳זעט דאָס מיט עיני בשר:

וויבאַלד אַז מ׳ווייס אַז די זאַך איז אַזוי הויך, אַז עיני בשר קענען דאָס ניט זען, און צוזאַמען דערמיט פאַרנעמט זיך דאָס מיט יעדערן פון אייך און מיט אַלעמען צוזאַמען, ובסבר פנים יפות – איז דאָך דעמאָלט די אהבה צו דעם מלך, און דער געלוסט און דער פעסטער באַשלוס אויף אויפפירן זיך ווי דער מלך וויל אין דעם טאָג,

און דאָס זאָל זיין מיט אַזאַ פעסטקייט און דער באַשלוס זאָל זיין, אַז אַזוי וועט מען זיך אויפפירן דעם גאַנצן יאָר, אויף לעשות רצונו יתברך,

און דאָס קומט גלייך אַראָפּ אין זיינע ברכות אין אַזאַ אופן ביז וואַנענט ס׳ווערט ״ישמח ישראל בעושיו״, אַז באַ יעדערן פון אייך און באַ יעדערן פון דעם אידישן פאָלק,

ובפרט דורך דערויף וואָס איר דערציילט זיי גלייך איבער אָט דאָס וואָס דער אַלטער רבי דערציילט אייך, און זאָגט דאָס אַלס אַן אמת׳ן אמת, אַז איר האָט זיך געטראָפן און שטייט איצטער צוזאַמען מיט דעם מלך, און דער מלך קוקט אויף אייך בפנים שוחקות,

און בשעת איר נעמט-אָן אָט די אַלע גוטע החלטות – גיט ער אויך נאָך אין דעם פרט אייער רצון, איר זאָלט קאָנען ערפילן די אַלע החלטות טובות, ומתוך שמחה וטוב לבב, ווי געזאָגט ״ישמח ישראל בעושיו״.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.